# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. X. No. 6. 50 CENTS A YEAR FEBRUARY, 1928.

## HAVE YOU MADE YOUR WILL?

"My house I leave to my wife; my automobile to my son; the piano to my daughter; all my investments I leave in trust for the benefit of my family."

It is a good will as far as it goes, but it does not go far enough, for it leaves out the most important bequest of all. There is one more sentence to put in—"my soul I leave to ——— ?"

My soul! I have provided for my wife, I have provided for my children, I have taken every precaution possible to see to it that they shall be cared for during the few years that they shall live here on the earth; but I have made no provision for my soul! The only part of me which will live thru eternity! This body of mine will become corrupted and decayed and mixed with the soil of the earth, but the soul of mine must go on thru the eternal ages, living, living, living, an endless day. Where will it go? To whom have I left it?

And my children's souls! and the soul of my wife, the soul of her whom I have cherished all of these years, what will become of them? Have I been one-tenth as careful and cautious and provident in caring for their souls as I have in caring for their bodies? And I know that those poor sick bodies of theirs, open to all the attacks of disease and decay, can only last a few years, but after that their souls must take flight and go on to live forever and . . . . . . . where. I read once in the Book of our Prophet Daniel 12:2:—

> "And many of them that sleep in the dust of the earth shall awake, some to everlasting life, and some to shame and everlasting contempt."

And I remember reading once in the Talmud about that great rabbi Johanan Ben Zakkai, how great a saint he was, and I remember how shocked I was when I read in the Talmud of that terrible hour when this great rabbi was lying on his death bed. He moaned with moanings indescribable, and when his disciples sitting around by his bedside asked him in solicitude why he was so sad and why he was in such agony, he replied, "Why should I not be sad? I see two roads before me, one road leading to heaven, and the other road leading to everlasting doom, and I know not on which road I am going to go."

### The Devil Wants My Soul

There is keen competition for my soul. The devil wants it badly; the devil has always wanted the souls of men. And then I know that God wants my soul, and God wanted it badly enough to send down to this earth his only begotten Son, and God allowed Him to go through Hell torture in that frightful hour of the Crucifixion on the Cross, so that my soul could be redeemed and truly become God's possession.

The decision rests with me, not with God, and not with the devil, but with me. I must cast the die, and because God honors me as a human being with the right to choose between good and evil, He must allow me to decide for myself whether my soul shall go to God or whether it shall go to the devil.

I found a very illuminating sentence in my Bible the other day which helped me a great deal to understand this matter. I found it in Isa. 53:10, in connection with that wonderful chapter in which God tells us thru Isaiah that He would send His only begotten Son to die for us on the Cross. And then comes like a sudden brilliant ray from a searchlight into a black thickness of dark, this 10th verse:

> "Yet it pleased the Lord to bruise him; he hath put him to grief; when thou shalt make his soul an offering for sin, he shall see his seed, he shall prolong his days, and the pleasure of the Lord shall prosper in his hand."

And then one day I was reading in the New Testament some of the beautiful and heart searching words of that matchless Son of God, the Lord Jesus Christ, and I found a sentence or two which shot their way like an arrow into my very heart:

> "And as Moses lifted up the serpent in the wilderness, even so must the Son of man be lifted up: That whosoever believeth in him should not perish, but have eternal life. For God so loved the world, that he gave his only begotten Son, that whosoever believeth in him should not perish, but have everlasting life. For God sent not his Son into the world to condemn the world; but that the world thru him might be saved. He that believeth on him is not condemned; but he that believeth not is condemned already, because he hath not believed in the name of the only begotten Son of God. And this is the condemnation, that light is come into the world, and men loved darkness rather than light, because their deeds were evil."—John 3:14—19.

So I am going to leave my soul to God, thru the Lord Jesus Christ, who purchased me with His own blood. I am going to accept Him as the one thru whom and thru whom only can my sins be forgiven. And I am going to do everything I can to explain this to my wife and to my children, because nothing will make me happier than to know that they too will leave their souls to God, thru the Lord Jesus Christ. It will not matter how much money I leave them or whether I leave them nothing at all, if only I can leave them the priceless blessing of the knowledge that my soul, and their souls will go to God, I will have given them more than countless millions of dollars could buy for them.

And I shall die happy.



## BETH SAR SHALOM

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

### COME TO OUR MEETINGS

| | |
|---|---|
| **Every Friday** | **8 P. M.** |
| **Every Sunday** | **8 P. M.** |
| **Every Monday** | **8 P. M.** |

---

### Tune in on WMBI 263

The Moody Bible Institute operates a radio broadcasting station, known as WMBI Chicago.

Every Saturday afternoon at 4:30 Chicago time, the Institute broadcasts a service in Yiddish. Professor Birnbaum, a Jewish Christian at the head of the Jewish Mission Department has charge of these Saturday afternoon Yiddish services. There is singing both in Yiddish and in English, and a short talk by some Jewish Christian in Yiddish or English, sometimes both.

Tune in some Saturday afternoon; you will be helped by these services, and you will be thankful to the Moody Bible Institute for the love this School is showing in behalf of the Jews.

**40 Cents WORTH FOR 25 Cents**

**Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English. Should our supply be gone, however, we reserve the right to return your money: Address: The Shepherd of Israel**

**27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

**Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

אַן אוס־כבוד און בעצייכנען איהם אַלס אונווירדיג און אונבעדייטענד, סטעמפּלען מיר אויך אונזערע גרויסע נביאים פאַר ליגנער, ווייל אויך זיי האָבען אויף איהם מיט גרויס רעספּעקט און ענטהוזיאַזם געשריבען, און דאַן צופאַלט אונזער גאַנצער אידישער בנין ווי אַ קאָרטען־שטיבעל. גיבט עהרע וועמען עהרע געביהרט!

ב. שאַטקין.

# גרויסע אידען

מיר גיבען דאָ דאָס בילד פון דעם געלערענטען גרויסען איד און לאָיער מר' יוסף ראַבינאָוויץ פון קעשענעוו, רוסלאַנד.

זיין לעבענס־ביאָגראַפיע איז זעהר רייך און אינטערעסאַנט. די קאָלומס פון דיעזען בלאַט זענען צו־קליין אַלעס באריכות אַרויס צו שרייבען. אָבער דאָס ביסעלע וואָס מיר שרייבען יאָ וועגען איהם איז גענוג אַז יעדער רעכטדענקענדער מענש זאָל דריבער נאָכדענקען און זיך דערפון אַרויסנעמען אַ מוסר השכל.

יוסף ראַבינאָוויץ האָט אין די 80גער יאָהרען פערזוכט דעם טעם פון אַ פּאָגראָם וואָס האָט דעמאָלס שטאַטגעפונען אין יענער געגענד. און באַלד נאָכ'ן פּאָגראָם האָבען די דאָרטיגע אידען איהם, דעם חשוב'סטען איד פון דער קהלה, אויסגעוועהלט אַלס זייער דעלעגאַט צו פאָהרען נאָך ארץ ישראל און דאָרט אויסצוזוכען עפּעס אַ קאָלאָניע, וואו די פיעל געפּלאַגטע רוסישע אידען זאָלען קענען זייער ביסעל יאָהרען אויסלעבען במנוחה.

אהין קומענדיג האָט ער דאָרט בעקומען אַ ברית חדשה פון וועלכען ער האָט אַמבעסטען געקענט זעהן די געאָגראַפישע אויסלעגונג פון ארץ ישראל, ווייל אין דעם ברית חדשה איז עס אַמבעסטען אַרום געשריבען.

ר' יוסף ראַבינאָוויץ, דער גרויסער גמרא קאָפּ וואָס האָט אויך במילא גוט געקענט דאָס תנ"ך, אַזוי באַלד ווי ער האָט דאָס ברית חדשה גוט דורכגעלעזען האָבען זיך איהם ערשט די אויגען אויפגעעפענט און האָט באַלד דערזעהן אַז ישוע המשיח איז דער אמת'דיגער גואל ישראל. והא ראיה, אַז אַלע נביאים האָבען זייערע נבואות אין איהם איינגעטראָפען.

מיכא הנביא זאָגט: אַז דער משיח מוז קומען פון בית לחם יהודה. (מיכה ה'). מלאכי הנביא זאָגט אונז, אַז דער משיח מוז קומען בזמן הבית. (מלאכי ג'). ישעיה הנביא ערצעהלט אונז, אַז דער משיח וועט מוזען אַזויפיעל ליידען פאַר אונזערע זינד. (ישעיה נ"ג). און זכריה הנביא זאָגט אונז, אַז דער משיח וועט גאָר צושטאָכען ווערען . . . (זכריה י"ב). זעהענדיג דיעזע אַלע זאַכען, האָט אונזער גרויסער איד דאָס מעהר נישט געוואָלט אָבלאָזען, ווייל ער האָט דרין געזעהן בחוש די אידישע גאולה פאַר אונזער פיעל געפּלאַגטער נאַציאָן.

ווען ער איז אַמאָל אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג גלגלת, דאָרט וואו ישוע המשיח איז אַמאָל געקרייציגט געוואָרען, האָט ער אויסגעשריגען: „ניין, נישט קאָלאָניעס אין ארץ ישראל וועט אונז אידען העלפען. נישט קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ וועט אונז געבען אַ מקום מקלט, אַ מקום מנוחה פון אונזערע צרות, נייערט אָט־אָ־דאָ, ווען אידען וועלען זיך



לאָיער יוסף ראַבינאָוויץ

אַריינבעהאַלטען אין דעם לאָך פון דעם וואונד וואָס די רוימישע סאָלדאַטען האָבען געמאַכט מיט אַ שפּיעז אין ישוע המשיח'ס זייט בעת ער איז געהאנגען אויף דעם צלב אין ירושלים מיט 1900 יאָהר צוריק, יאָ, נור דאָרט קענען אידען געפינען מנוחה, און געשיצט ווערען פון אונזערע אַלע שונאים.

אונזער ר' יוסף איז דאַן צוריקגעפאָהרען נאָך רוסלאַנד און האָט זיין ערפאַהרונג ערצעהלט צו די קעשענעווער אידען. איינינגע האָבען איהם גערן צוגעהערט און האָבען איינגעזעהן דעם אמת אין זיינע ווערטער, אַנדערע אָבער האָבען איהם לגמרי נישט געוואָלט צוהערען און זיינען געבליבען גייסטיג בלינד, פּשוט „וימש חשך", זיי האָבען מסתמא ניט געפאָלגט די עצה פון דעם גרויסען "לאָיער" ראַבינאָוויץ. זיי האָבען ישוע המשיח און זיין הייליגע לעהרע איגנאָרירט און לגמרי פאַרוואָרפען, ווייל פינסטערניש מיט ליכט האָבען קיינמאָל נישט געקענט צוזאַמען האַרמאָנירען.

אַביסעל שפּעטער האָט ער אויפגעבויט אַ בית המדרש אין קעשענעוו און דאָרט גע'דרש'ענט יעדען שבת צו אַ קהלה אידען איבער ישוע המשיח ית"ש. ער האָט זיי געוואָרנט און געבעטען אַז זיי זאָלען אַלע בלב אחד גלויבען אין ישוע המשיח וועלכער איז אונזער איינציגער גואל האמתי על פּי תורת משה והנביאים הקדושים.

דאָס מערקווירדיגסטע איז: אַז אַזוי באַלד ווי ער, דער לאָיער ראַבינאָוויץ, האָט אָנגעהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח, האָט ער ניט מעהר געזוכט מיט זיין פּראָפעסיע געלד צו מאַכען, פון די קליענטען די הויט אַראָבצושינדען, ניין! ער האָט יעדען איינעם זיין בעסטע עצה פריי געגעבען, אָהנע געלד. ער האָט דעם אָרעמאַן אין קאָורט פאַרטרעטען בחנם, ווייל ער האָט געפאָלגט דאָס וואָס ישוע המשיח האָט געזאָגט אין מתתיהו קאַפּ' י, 10: „חנם לקחתם וחנם תתנו".

אַזוי אַרום האָט גאָט ב"ה זיין הייליגעס ליכט, דאָס אור הגנוז פון דעם מ ש י ח, אָנגעצונדען אין דעם מאָדערנעם יוסף הצדיק. און ער, אונזער יוסף, האָט דעם אור המשיח אויך געלאָזט לייכטען צו אַנדערע מענשען.

ער איז אויך אַרומגעפאָהרען אין אַנדערע מדינות אויפצואוועקען די פערשלאָפענע אידען און זיי צו ברענגען צו ישוע המשיח. אין 1893, ווען אין שיקאַגאָ איז געוועזען די וועלט־אויסשטעלונג, האָט ער אויך בעזוכט אַמעריקאַ און גע'דרש'ענט צו מאַסען אידען. ער האָט אויך בעזוכט ענגלאַנד און סקאָטלאַנד, און וואו ער איז נור געקומען האָבען פיעלע אידען איהם מיט גרויס כבוד צוגעהערט, ווייל זיין רעדען איז נישט נור געוועזען ווי פון אַ גרויסען לאָיער, נייערט ווי פון דעם ביבלישען יוסף „איש אשר רוח אלהים בו".

און אַזוי ווי דער אַמאָליגער יוסף הצדיק האָט זיינע ברידער געליעבט און גרויסע טובות געטהון, אפילו ווען זיי האָבען איהם געהאַסט און ניט געוואָלט צוהערען, אַזוי האָט אויך אונזער מאָדערנער „יוסף" זיינע אידישע ברידער תמיד גרויסע טובות געטהון בישוע המשיח אפילו ווען יענע האָבען איהם ניט געוואָלט צוהערען.

יענע וואָלטען נישט צוגעהערט אפילו משה רבינו גופא, ווען ער זאָל פון קבר איפשטעהען און זיי הייסען גלויבען אין ישוע המשיח. ווייל יענע חברה האָבען זייערע אייגענע תורה, פון מענשען אויסגעטראַכט. צו וואָס דאַרפען זיי גאָר משה'ס תורה, און צו וואָס דאַרפען זיי גאָר אַ משיח! אָט דאָס האָט טאַקע ישוע המשיח געזאָגט צו אַזאָלכע אידען אין ירושלים: „כי לו האמנתם במשה האמנתם גם בי כי עלי הוא כתב . . ." (יוחנן ה' פסוק 46).

## שטעלט אָן אייער רעדיאָ אויף

**WMBI (263)**

דאָס איז די מאָדי בייבעל אינסטיטוט פון שיקאַגאָ, אילינאָיס.

יעדען שבת נאָכמיטאָג, אום 4:30 (שיקאַגאָ צייט), קאָן מען הערען אויף דער רעדיאָ פון יענעם אינסטיטוט אַ האַרציגע אידישע דרשה. פּראָפעסאָר בירנבאַום, אַ יודען־קריסט, וואָס איז אויף דער שפּיץ פון יענעם דעפּאַרטמענט, איז דער אָנפיהרער פון די שבת נאָכמיטאָגדיגע דרשות. מ'קאָן אויף דער רעדיאָ הערען אין יענער שטונד שעהנעם געזאַנג אין אידיש און אין ענגליש ווי אויך אידישע און ענגלישע רעדנער וואָס פאַרשפּרעכען צו זיין זעהר אינטערעסאַנט.

שטעלט אָן אייער רעדיאָ שבת נאָכמיטאָג צו דעם אויביגען סטעשאַן, איהר וועט דאָס ליעבען און איהר וועט דאַנקען די מאָדי בייבעל אינסטיטוט פאַר דעם פאַרגעניגען וואָס איהר וועט דערפון האָבען. דאָס איז אַ נייע זאַך, ערשט איינגעפיהרט.

## בית שר שלום

קאָרנער טרופּ עוו. און וואָלטאָן סטריט, ברוקלין, נ.י.

קומט צו אונזערע פערזאַמלונגען

פרייטאָג נאַכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען
זאָנטאָג נאַכט, 8 אוהר - - - פיר מענער און פרויען
מאָנטאָג נאַכט, 8 אוהר - - - טעסטאַמאָניעל מיטינג

ווי עס הייסט אין תהלים ע"ט: "אלהים באו גוים בנחלתך טמאו את היכל קדשך . . ." אָבער עס זענען תמיד געווען און זענען אויך נאָך היינט פאַראַן אַזאַלכע טייערע נשמות וואָס פאָלגען נאָך די ריינקייט און הייליגקייט פון אידישען גואל צדק ישוע המשיח וועלכער האָט זיי געגעבען דעם כח צו ווערען געטליכע מענשען. זיי צייכענען זיך אויס אין זייער אמת'ער אמונה פון אַלע אַנדערע רעליגיאָנען מיט דעם איינעם קריטעריאָן (סימן), נעמליך אַז זיי האָבען אַ ליעבע צו מענשען.

ווען אידען וואָלטען געווען נאָכגעפאָלגט ישוע המשיח וואָלט דאָס פסולת פון צווישען זיי אָוועקגעשאַפט געוואָרען, דאָס ערב רב אויסגערוימט געוואָרען מחוץ למחנה, ווייל דער כח פון ישוע המשיח וואָלט מטהר געווען די משפחות פון ישראל אין זיי אַריינגעבענדיג דעם כח אלהים און די אהבת אלהים און וואָלטען זיך במילא געווען אויסגעצייכענט מיט'ן סימן המשיחי, נעמליך, צו ליעבען דעם מיט־מענש. האָבען זיי אָבער פאַרוואָרפען דעם הייליגען משיח, און עס איז זיי נישט מעהר איבערגעבליבען נור די אַזוי־גענאַנטע מענשליכע רעליגיאָנען נאָך וועלכע די וואַטעריעכ (נאַכפאָלגער) שלעפען זיך נאָך בלינדערהייט אָהן אַ שום אינערליכע איבערצייגונג, אָהן אַ געטליכען פונק אין זייערע הערצער, און דערפאַר קומען די טרויעריגע רעזולטאַטען פון גרויזאַמקייט און פון ווילדע אייגענשאַפטען און טיראַניי.

די אמונה און הייליגקייט אין ישוע המשיח קומט נישט דורך אויסווענדיגע צערעמאָניען און אויסערליכע פראַקטיצירונגען, אַזוי ווי למשל דער מאַכמעדאַנער שאָקעלט זיך ביי זיין געבעט מיט אַזאַ התלהבות'דיגען ברען, ווי אַ קדחת וואָלט איהם אָנגעכאַפּט. די הינדוס האַלטען זיך אין איין טובל'ען אין וואַסער, ווי זיי וואָלטען קענען די טומאה פון זיך אַראָפּוואַשען. אין אליהו הנביא'ס צייטען האָבען די נביאי הבעל געהאַט עפּעס אַ מין רעליגיאָן פון שרייען און מאַכען אונגעהויערע קולות ביי זייערע תפלות כדי זייער גאָט אויפצוואועקען פון זיין שלאָף. זיי האָבען געפאַסט, זיי האָבען זיך געפּייניגט און צושניטען זייער פלייש ביז'ן בלוט.

נישט אַזוי אָבער איז דער דרך המשיחי. דער הייליגער משיח האָט אונז געגעבען אַ כלל אַז דער מענש מוז נאָכאַמאָל געבוירען ווערען, נישט פון בלוט און פלייש נייערט פון גאָט, און דאַמאָלס ווערט מען אַ ניי־געבוירענער מענש. (יוחנן ג'). אָט דאָס איז דער תוך פון דער ליעבע גאָטעס וואָס קומט אַריין אין דעם מענשליכען הערץ, סיי איד, סיי גוי. אָט דאָס בעט זיך גאָט ביים איד דורך יחזקאל הנביא: „עשו לכם לב חדש ורוח חדשה ולמה תמתו בית ישראל". (יחזקאל י"ח).

ישוע המשיח האָט אונז אויך געגעבען אַ שטאַרקען סימן אום צו וויסען אויב דער וועג פון אַ מענש איז דער ריכטיגער. אין מתתיהו ז' זאָגט ער: „אין זייער פרוכט זאָלט איהר זיי דערקענען. קלויבט מען דען וויינטרויבען פון דערנער? יעדער גוטער בוים טראָגט גוטע פרוכט און אַ פוילער בוים טראָגט שלעכטע פרוכט . . . איטליכער בוים וואָס טראָגט קיין גוטע פרוכט ווערט אָבגעהאַקט און אין פייער געוואָרפען". (מתתיהו, 12).

אונזערע עלטערן וואָס זענען געווען אין ירושלים אין דער צייט וואָס ישוע המשיח איז צו זיי געקומען האָבען אויך געהאַט אַ רעליגיאָן. זיי פלעגען לאַנג דאַווענען, פיעל פאַסטען, טראָגען לאַנגע ציצית און אָנטהון גרויסע טליתים און גרויסע תפילין, אָבער קיין איין פונק פון דער געטליכער ליעבע איז דאָרט נישט געווען אין זייערע הערצער, דערפאַר האָט ישוע המשיח צו זיי געזאָגט אין מתתיהו כ"ג: „וועה צו אייך, איהר סופרים און פרושים, איהר הייכלער, איהר רייניגט דעם בעכער און די שיסעל פון אויסווענדיג אָבער אינעווענדיג זענען זיי פול מיט רויב און אונריינינקייט. רייניגט אָבער צוערשט די שיסעל פון אינעווענינ, כדי עס זאָל אויך זיין ריין פון אויסווענינ . . . איהר זענט אַזוי ווי די אויסגעקאַלעכטע קברים וואָס זעהן אויס שעהן פון דרויסען אָבער אינעווענינ זענען זיי פול מיט טויטע ביינער און אונריינינקייט. דרויסען שיינט איהר צו זיין פרום, אָבער אינעווענינ פול מיט חנופה און אונרעכט".

צוריק צו קומען צו אונזער סאָביעקט וואָס האָט פּאַסירט נעבען וואַרשוי: דער פאָטער פון דעם מיידעל איז זיין גאַנץ לעבען געווען אַ פרומער איד און אַ שעהנער בעל בית. ער פלעגט צו געהן אין שוהל יעדען טאָג, ער האָט לאַנג געדאַווענט אין 2 פּאָר תפילין און אין לאַנגע ציצית מיט אַלע אַנדערע שאר ירקות וואָס געהערען צו אַן עהרליכען איד. וואָס קומט אָבער אַרויס מיט די אַלע אויסערע זאַכען ווען אינעווענינ, מיר מיינען טאַקע דאָס סאַמע הערץ פון מענש, ווען דאָס איז פאַרדאָרבען!

מיר זענען נישט פאַר אַסימילאַציע. אַ פאָטער זאָל וואָרענען און באַפעהלען זיין קינד אויף אַ געטליכען אופן געגען אַסימילאַציע. ווען אידען זאָלען גלויבען אין ישוע המשיח און איהם האָבען אַלס אַ צענטרום אין לעבען, וואָלט זיין גייסט במילא געווירקט און נישט צוגעלאָזט צו אַזאַ שרעקליכען פאַרברעכען.

---

## לינדבערג.

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק גיט אימער־צו גרויס כבוד צו איהרע גרויסע מענשען און שטאָלצירען מיט זיי וועלכע האָבען פערשאַפט עהרע צו זייער פאָלק אין די אויגען פון דער גאַנצער וועלט.

מר' לינדבערג האָט פאַר אַמעריקאַ גרויס כבוד פערשאַפט מיט זיין אונטערנעמונגס־גייסט און מיט זיין גרויסען מוטה אויפ'ן געביעט פון „לופט־פליהעריי". נישט נור אַליין אַמעריקאַ גיט איהם פיעל כבוד פאַר זיין גרויסער העלדענטהאַט, נייערט די גאַנצע וועלט האָט אַנערקענט דיעזען גרויסען אַמעריקאַנער אַלס גרויסער העלד וואָס איז בערייט געווען זיין לעבען צו געבען פאַר דער וויסענשאַפט פון לופט־פליהען אפילו אויף אַזאַ גרויסען דיסטאַנץ ווי פון אַמעריקאַ ביז אייראָפּאַ.

אַמעריקאַ האָט אין דיעזען מוטהיגען מענשען אויך אויסגעפונען גרויס בעשיידענהייט און איידעלקייט. ער יאָגט זיך נישט נאָך כבוד אָדער נאָך געלד, ווייל ער מיט זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט האָט געקאָנט פאַרדיענען אַ סך מיליאָנען דורך זיין געוואַלטיגער אונטערנעמונג. די פעראייניגטע פרעסע גיט איהם דעם אָפיציעלען און ערהאַבענעם טיטעל „דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר פון פריעדען צו דער וועלט".

זיין מוטער, אַ זעהר טרייע נאַכפאָלגערין פון ישוע המשיח, האָט איהר באַריהמטען זוהן פון קינדהייט אָן געלערענט די ביבעל, און מענשען וואָס זענען אין נאָהנטער באַריהרונג מיט איהם דערצעהלען פון זיין איבערגעבעניש און גרויס ליעבע צום אידישען משיח, ווייל נור ער, דער הייליגער משיח, האָט איהם געגעבען מוטה און קוראַזש זיין העלדענטאַט אויסצופיהרען. יאַ, מר. לינדבערג איז באמת ווערטה די גרויסע אַנערקענונג וואָס אַמעריקאַ און די גאַנצע וועלט גיבט איהם.

עס איז אַ פאַקט אַז יעדע נאַציאָן האָט תמיד געגעבען גרויס כבוד און אַנערקענונג צו איהרע זיהן וואָס האָבען דעם כבוד פאַרדיענט, נור אַליין מיר אידען שטעהען דערפון ווייט אָב. מיר האָבען פון אונזער מיטע אַרויסגעגעבען דעם גרעסטען און נאָבעלסטען פערזאָן וואָס האָט זיך דעם גרעסטען כבוד פאַרדיענט, און די וועלט גיט עס איהם אויך טאַקע, נור מיר אידען, זיינע ברידער, וואָס האָבען בעדאַרפט צו זיין די ערשטע איהם אַנצוערקענען און זיין פאָהן הויך אויפצוהעבען, זענען אַזוי גלייכגילטיג און קאַלט צו איהם וועלכער האָט אונז און צו דער גאַנצער וועלט אַזויפיעל גוטסקייט און ברכות געבראַכט. זאָל דאָס אמת זיין אַז מיר אידען קענען נישט משיג זיין די גרויסע טהאַטען וואָס ער האָט פאַר אונז אויפגעטהון?

ישוע המשיח האָט אַמאָל אין ירושלים געזאָגט: „ווען איך וועל פון דער ערד אויפגעהויבען ווערען וועל איך אַלע מענשען צו מיר ציהען" (יוחנן י"ב: 32) און זייט דאַמאָלס ציהט ער צו זיך די גוים איינס ביי איינס און מאַכט זיי פאַר קינדער גאָטעס. און וואָס מעהר קריסטען וואָס ליעבען דעם איד איז במילא דאָ אַזויפיעל וועניגער גוים וואָס האַסען דעם איד; פרעגט זיך, פאַרדיענט ער אפשר נישט גרויסען כבוד און אַנערקענונג פון אונז אידען? די קריסטליכע וועלט אַנערקענט איהם יאָ און גיבט איהם גרויס כבוד, אַזוי ווי גאָט האָט געזאָגט דורך ישעיה הנביא, קאַפּ. י"א: „והיה ביום ההוא שרש ישי אשר עמד לנס עמים אליו גוים ידרשו והיתה מנחתו כבוד". וואו איז אָבער אונזער כבוד צו איהם, ישוע המשיח זאָל דאָך זיין אויך דער „כבוד ישראל עמך!" (לוקס ב', 22).

ישוע המשיח האָט געזאָגט אין ירושלים „איך בין דער וועג", (יוחנן 14) דער וועג צו גאָט ב"ה ווייל דורך איהם האָבען מיר אַ סליחת חטאים וועלכעס האָט אונז תמיד פון גאָט אָבגעשיערען (ישעי' נ"ט). ער איז דער וועג צו דער ליעבע, צו גאָט און צו מענשען, ווייל אָהן ישוע המשיח קען מען קיינמאָל נישט אַזוי ליעבען ווי דורך איהם.

גלאַדסטאָן, דער גרויסער ענגלישער פריים־מיניסטער, האָט אַמאָל געזאָגט אין ענגלישען פּאַרלאַמענט אַז דער אמת'ער וועג וואָס פיהרט צו פריעדען צווישען מענש און מענש איז נור דער „שר שלום", ישוע המשיח, וואָס גיבט דעם מענשען אין האַרצען דעם גאָט־געבענשטען שלום וואָס די וועלט האָט קיינמאָל נישט געקענט בעפאָר.

דער העלד מר' לינדבערג און פיעלע אַנדערע גרויסע זיהן פון זייער פאָלק דאַרף אונז מאַכען אַביסעל נאָכדענקען איבער אונזער גרויסען גואל און משיח, וויפיעל כבוד מיר זענען איהם שולדיג פאַר דער גרויסער ירושה וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזט פאַר דור דורות. ער האָט פאַר דער מענשהייט אויפגעטהון מעהר אַלס אַלע גבורים און אַלע חכמים צוזאַמען גענומען. יאַ, ווען מיר זאָלען איהם די אַנערקענונג שענקען, וועט די וועלט אויך אונז רעספּעקטירען צוליעב איהם, אַלאַ גיבען מיר איהם

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרועה הטוב יוחנן 10-11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

VOL. X. No. 6. | 50 CENTS A YEAR | FEBRUARY, 1928.

## פאטער פערוואנדעלט טאכטער אין א ווילדע חיה

אט דא ניט לאנג איז געשעהן א מערקווירדיגע און זעהר טרויעריגע געשיכטע אין א קליין שטעדטעל נעבען ווארשוי, פוילען. א אידישער סוחר, מיט'ן נאמען וויינבערגער, האט געהאט א טאכטער א גרויסע שעהנהייט און שטארק געבילדעט. פלוצים איז זי אבער נעלם געווארען און קיין מענש האט געוואוסט וואס מיט איהר איז געשעהן. א מאמען האט זי שוין נישט געהאט, האט מען נור געקאנט דעם פאטער איהרען פרעגען וועגען איהר פארשווינדען, אבער זיינע פארשיעדענע אנטווארטען האבען קיינעם נישט געקאנט צופריעדען שטעלען. מ'האט באמערקט אז דער שטייגער פון זיין לעבען איז געווען זעהר מאדנע און טשיקאווע. ער פלעגט קיינעם ניט ארייגלאזען אין זיין וואוינונג. מ'האט געמוזט לאנג קלאפען ביז ער האט עמיצען געעפענט די טיהר. ער האט אליין די הויז־ארבייט געטהון, יא, ער האט אפילו די פאדלאגעס אליין געסקראבעט אבי קיין פרעמדע פרוי אין הויז נישט צו האבען. ווען ער איז ערגעץ־וואו פון הויז ארויסגעגאנגען האט ער אויף די טיהרען אויפגעהאנגען שטארקע אייזערנע שטאבעס מיט גרויסע שלעסער אז קיינער זאל דארט נישט קענען אריינגעהן. מענשען זענען דערפאר געקומען צום ענטשלוס אז ער איז עפעס נישט מיט אלעמען . . . קיינער האט איהם אבער נישט פארדעכטיגט אויף די שוידערליכקייטען וואס האבען זיך אבגעשפיעלט צווישען די פיער ווענט פון זיין וואוינונג.

ויהי היום, האט מען דורך א מאדנעם צופאל אויסגעפונען אז דעם אידענ'ס שעהנע און געבילדעטע טאכטער איז גאר נישט געווען פארשוואונדען נייערט זי איז געווען פערשפארט אין א גרויסען קאסטען אין א פערדשטאל. דער קאסטען איז געווען געמאכט אזוי ווי א היהנערשטייג ארומגענומען מיט אייזערנע גראטעס. דארט איז זי אבגעלעגען גאנצע דרייסיג יאהר. מ'האט נישט געקאנט אן איהר דערקענען צי זי איז א מענש צי א חיה. דער שמוץ (קויט) וואס האט איהר קערפער באדעקט איז גענוג געווען איהר לעבען צו דערשטיקען, נור עפעס אזוי ווי צו להכעיס האט זי דאך געלעבט. דאס פיעלע שרייען און וויינען וואס זי האט זיך אנגעשטרענגט צו טהון אין די ערשטע פאר יאהר האט פון איהר לגמרי אוועקגענומען איהר כח הדבור און איצט האט זי נור געקאנט ארויסמורמלען איניגע אונפארשטענדיגע ווערטער.

מ'האט ווי געוועהנליך דעם פאטער ארעסטירט, און דארט האט ער גע'טענה'ט אז בכן זיין טאכטער איז משוגע געווען, וועגען דעם האט ער זי דארט איינגעשפארט. אין אמת'ן אבער איז זי גארנישט משוגע געווען, נייערט — לויט ווי די שכנים פון שטעדטעל דערצעהלען — האט זי זיך געהאט פארליעבט אין איהר מוזיק־לעהרער, א קריסט, און דאמאלס זייענדיג 16 יאהר אלט האט זי עפענטליך ערקלעהרט איהרע עלטערן אז זי וועט פשוט נישט קענען לעבען אהן איהר געליעבטען לעהרער.

עס איז געהאט בעקאנט געווען אין גאנצען שטעדטעל אז „אידא" איז אוועק צום לעהרער אום צו וואוינען מיט איהם, האט זיך דער פאטער מיט גרויס מיה אנגעשטרענגט און זי צוריק געבראכט און האט דאמאלס זיין אכזריות'דיגען כעס אויסגעפיהרט מיט דעם וואס ער האט זי איינגעשפארט אין דער שטייג אין דער שטאל.

היינט איז זי אלט 47 יאהר. איהר קערפער איז צום גרויסען שטוינען פון די דאקטוירים נאך שטארק, אבער איהר פערשטאנד איז אויף אימער פארקריפעלט און דעמאראליזירט.

אט דאס איז די געשיכטע אין קורצען. ווען מ'פארטיעפט זיך אין דעם ענין און מ'שטעלט זיך אין דער לאגע פון יענעם אומגליקליכען מיידעל, געהט אזש א קאלטער שוידער דורכ'ן לייב . . . ווען מ'קאן זיך נור פארשטעלען די טרעהרען וואס זי האט פארגאסען . . . די פיעלע יסורים וואס זי האט געליטען . . . די הערצרייסענדע געשרייען וואס זי האט געמאכט ביז זי האט גאר איהר שטימע פארלוירען און דאן ענדליך אויך איהר מענשליכען שכל פארלוירען, ווען מען בעגרייפט די אלע זאכען, קאן מען זיך גאר נישט פארשטעלען ווי אזוי א איד, א בן אברהם, א קינד פון דעם פאלק וואס איז פון תמיד אן בעצייכענט געווען אלס „רחמנים בני רחמנים", ווי אזוי אזאלכער קאן פארוואנדעלט ווערען אין איינע פון די גרעסטע אכזריות'דיגע חיות און אבטהון אזא שרעקליך שטיקעל ארבייט.

ווען מ'וויל זיך אבער דערגרונטעווען און אויסגעפינען פון וואנען עס נעמט זיך אזא מין משונה'דיגער טייוועל אין א אידיש הערץ, מוז מען געהן צו דער רעליגיאן פון דעם באטרעפענדען מענש און זעהן אויף ווי ווייט זיין רעליגיאן האט איהם אין פארבינדונג געבראכט מיט גאט, וועלכער פראדוצירט צו אלעם ערשטען א געטליכע ליעבע אין יענעם הארץ וואס קומט מיט איהם אין באריהרונג.

עס זענען פאראן פיעלע זאגענאנטע רעליגיאנען אין דער וועלט, אבער נור איין דת משיחי איז פאראן. עס איז פאראן א קאטוילישע רעליגיאן וועמעס בלעטער זענען געדיכט באשריבען און רייך געמאלען מיט די גרויסע מאסע מארטירער וואס זענען פארברענט געווארען אויף דעם אטא דע פע, סיי אידען, סיי קריסטען, וואס האבען נישט איינשטימיג אקצעפטירט זייערע גלח'ישע אידעען.

ווידער איז פאראן א רעליגיאן אין אינדיע אהן א קנאפ רחמנות. ביי זיי פארברענט מען די אלמנות לעבעדיגערהייט.

וועגען דער מאכמעדאנישער רעליגיאן וואלט אויך געווען א סך צו שרייבען, ווען איהר ווילט אויסגעפינען וואס יענע רעליגיאן האט אויפגעטהון פאר דער וועלט, זייט אזוי גוט און באקענט זיך מיט'ן טערק . . . און אזוי וועט איהר געפינען אויך אנדערע נאמענטליכע רעליגיאנען וואס האבען נור געבראכט פינסטערנים, אבערגלויבען און איגנאראנץ צו איהר נאכפאלגער.

נור א י י ן איינציגער דת משיחי איז פאראן וואס איז נישט פון מענשען אויסגעטראכט נייערט פון גאט געגעבען דורך משה והנביאים. אין יוחנן א' געפינען מיר, ווען די צוויי בעקאנטע צדיקים ר' פנחס און ר' נתנאל (פהיליפ און נתנאל) זענען זיך אמאל צוזאמען געקומען אין ירושלים האט דער ערשטער געזאגט צום צווייטען: „מצאנו אתו אשר כתב עליו משה בתורה והנביאים את ישוע . . . מנצרת. ד"ה, מיר האבען געפונען דעם, אויף וועמען משה און די נביאים האבען געשריבען, ישוע פון נצרת. נתנאל איז באלד צו ישוע געגאנגען און האט זיך באמת איבערצייגט ווער ער איז, האט ער צו ישוע געזאגט: „רבי אתה הוא בן אלהים אתה הוא מלך ישראל". ד"ה, רבי, דו ביסט דער זאהן גאטעס און דער מלך פון אידען. פון וואנען האט ער דאס געוואוסט? אלץ פון תורת משה והנביאים.

אמת, מ'האט די הייליגקייט פון דעם אידישען משיח שפעטער פארשוועכט, ווייל מיט 300 יאהר שפעטער האבען די רוימישע גוים אנגעהויבען צו פערוואנדלען דיעזע הייליגקייט אין א רוימיש־מענשליכע לעהרער על פי נוסח עבודה זרה, עס האט זיך אנגעהויבען מיט א פאפסט און מיט גלחים, וועלכע האבען לגמרי פאר'גוי'שט דעם אידישען משיח אזוי

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

ENTERED AS SECOND CLASS MATTER APRIL 14, 1922, AT THE POST OFFICE AT BROOKLYN N. Y., UNDER THE ACT OF MARCH 1, 1897.